**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/13/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די אנהייב פון אויפבוי פון א $32.5 מיליאן דאלערדיגע שטיצנדע וואוינונג פראיעקט אין קווינס**

***'The Morgan' וועט צולייגן 30 איינהייטן פון שטיצענדע וואוינונג צו דינען ניו יארקער וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט***

***פראיעקט טייל פון [גאווערנער האקול'ס לאנדמארק איניציאטיוו](#) צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג און פארברייטערן ספעציאליזירטע וואוינונג איבערן סטעיט***

גאוווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנהייב פון אויפבוי אויף א דיוועלאפמענט וועלכע וועט צולייגן 50 איניהייטן פון צוגענגליכע וואוינונג אין די דשאמעיקא געגענט פון קווינס, אריינגערעכענט 30 איינהייטן וועלכע וועלן דינען ניו יארקער וועלכע לעבן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן. די פראיעקט צו בויען 'The Morgan' האט רעזולטירט פון א 32.5 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג - אריינגערעכענט 12.4 מיליאן דאלאר פון די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (State Office of Mental Health, OMH) - און איז טייל פון גאווערנער Hochul's (האקול'ס) באמיהונגען צו פארברייטערן ספעציאליזירטע וואוינונג דורכאויס ניו יארק.

"אונז זענען גענצליך פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו צוגענגליכע וואוינונג, אריינגערעכענט די מערסט אומבאהאלפענע צווישן אונז," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "The Morgan וועט צושטעלן שטארק געדארפטע שטיצע און דיגניטירטע וואוינונג פאר אינדיווידואלן וועלכע לעבן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייט, זיי צושטעלענדיג מיט סערוויסעס אז אזוי אז זיי קענען וואוינען זיכערערהייט און סטאביל אין די דשאמעיקא געגענט פון קווינס."

Transitional Services for New York טוט אנטוויקלן The Morgan און וועט שאפן 30 איינהייטן מיט שטיצענדע סערוויסעס, אריינגערעכענט קעיס מענעדשערס, ארום-די-זייגער באאמטע און אנדערע סערוויסעס א שטייגער ווי פעיגקייט אנטוויקלונג, קאנפליקט פארוואלטונג און שעדונגע פארמינערונג, געמיינדע און געזעלשאפט אריינגלידערן, און פריינט שטיצע. די פראיעקט וועט אויך אריינרעכענען 20 איינהייטן פון צוגענגליכע וואוינונג דינענדיג די מיט איינקונפט מיט ווייניגער אדער 50 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם.

די פראיעקט באקומט 12.4 מיליאן דאלאר דורך OMH קאפיטאל פינאנצירונג פארזיכערט אלץ טייל פון גאווערנער Hochul's (האקול'ס) לאנדמארק 1 ביליאן דאלאר אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוון און וואוינונג, מיט DASNY הילף ביים הלוואה שליסונג אין ערווארטונג פון צוקונפטיגע לאנג-טערמיניגע פינאנצירונג. נאך אינוועסטירונגען רעכענען אריין ארום 7 מיליאן דאלאר דורך וואוינונגען און געמיינדע באנייונג'ס נידריג-איינקונפט וואוינונג שטייער קרעדיט פראגראם ( Homes and Community Renewal's Low-Income Housing Tax Credit Program), 4 מיליאן דאלאר דורך די סטעיט אפיס

פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס היימלאזיגער וואוינונג און הילף פראגראם ( State Office of Temporary and Disability Assistance’s Homeless Housing and Assistance Program), און 7 מיליאן דאלאר דורך ניו יארק סיטי'ס וואוינונג אפהיטונג און דיוועלאפמענט שטיצענדע וואוינונג הלוואה פראגראם (Housing Preservation & Development Supportive Housing Loan Program).

די פראיעקט וועט צווארפן א ליידיגע הויז און אויפן אן אכט-שטאקיגע, 31,218-קוואדראט פוס געביידע, אריינגערעכנט א לייבערי/קאמפיוטער ארט, אן אינדערויסענדיגע טעראסע, לאנדרי צימער, פארוויילונג ארט און גארטן. The Morgan וועט זיין א גענצליך-עלעקטריק, ענערגיע עפיציענט ארט וועלכע ברענגט אריין אקטיווע דיזיין באשטיינדלעך און מיט אומזיסטע ווײַ פיי פאר אלע טענאנטס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישענער דאקטאר (ענן סוליוואן) האט געזאגט,** "דורך צושטעלן סטאבילע וואוינונג פאר ניו יארקער וועלכע לעבן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייט, קענען אונז שאפן אן ענוויראמענט וואו זיי קענען לעבן און בליען אין זייער געמיינדע. The Morgan וועט העלפן אינדיווידואלן האבן צוטריט צו שטיצענדע סערוויסעס און פארזעצן זייער רייזע פאראויס צו ערהוילונג. די פראיעקט רעפריזענטירט גאווערנער Hochul's (האקול'ס) אנגייענדע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט קעיר און צושטעלן פארזיכערטע, צוגענגליכע וואוינונגען פאר יעדער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער Barbara C. Guinn (בארבארא סי. גווין) האט געזאגט,** "די פערמענאנטע שטיצענדע וואוינונג איינהייטן וועלכע ווערן געמאכט אלץ טייל פון די דיוועלאפמענט וועט צושטעלן פאר אינדיווידואלן נישט בלויז מיט א זיכערע, צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען, נאר אויך מיט גרינגע צוטריט צו סערוויסעס וואס וועט זיי העלפן איבערקומען צויצונגען וועלכע קענען האבן געהאט צוגעגעבן צו זייער מיטמאכן היימלאזיגקייט. אונז זענען דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער סטיט מיטארבעטער פאר זייער אנערקענונג אז מער פון שטיין און ליים איז געדארפט צו צושטעלן סטאבילע וואוינונג פאר טייל פון אונזער מערסט אומבאהאלפענע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייונג קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (ראוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "אונזער 7 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג טוט העלפן צושטעלן 50 צוגענגליכע, נאכהאלטיגע און שטיצענדע וואוינונגען וועלכע וועט העלפן די דשאמעיקא געמיינדע בליען. אאונז באדאנקען אונזער מיטארבערטער פאר זייער איבערגעגעבענקייט און קוקן ארויס צו זען דעם פראיעקט זיך רוקן ווייטער."

**דארמיטארי אטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק ( Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) פרעזידענט און CEO Robert J. Rodriguez (ראבערט דשעי. ראדריגיועז) האט געזאגט,** "עס איז א כבוד פאר DASNY צו שטיצן גאוונערנער Hochul's (האקול'ס) באמיהונגען צו פארברייטערן ספעציאליזירטע וואוינונגען פאר ניו יארקער וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט. דורכאויס פינאנצירונג הילף און אויפבוי איבערזיכט טוהן אונזער העלפן פארסיכערן אז The Morgan שטעלט צו די סטאבילע, דיגניטירטע וויאונגען וועלכע אינדיווידואלן דארפן צו בליען אין זייער געמיינדע."

**סטעיט סענאטאר Leroy Comrie (לעראי קאמרי) האט געזאגט,** "דרום-מזרח קווינס איז געווען די היים פאר אפאר אריבערגאנג סערוויסעס איינריכטונגען, און איך בין פריילעך צו באגריסן פערמענאנטקייט און סטאביליטעט אין אונזער געמיינדע צו די וועלכע זענען גרייט צו גראדואירן צו פערמענאנטע וואוינען. די פראיעקט העלפט אדרעסירן איינס פון די גרעסטע לעכער אין אונזער גייסטישע געזונטהייט און וואוינונג סיסטעמען, שאפענדיג סטאבילע,פערמענאנטע פלעצער פאר מענטשן צו אריבערגיין. צו פול ניו יארקער ענדיגן באהאנדלונג אדער שטיצענדע פראגראמען נאר צו טרעפן אז עס

איז נישט דא ערגעץ פאסיג פאר זיי צו עררייכפול און זיכערערהייט פארזעצן זייער אנטוויקלונג. דורך פארברייטערן וואוינונג, געפארט מיט אופן-ארט סערוויסעס, טוהן אונז געבן פאר אינדיווידואלן אן עכטע וועג פאראויס און געבן פאמיליעס רואיגקייט. איך בין דאנקבאר צו זעהן ווי די פראיעקט רוקט זיך פאראויס אין דרום-מזרח קווינס און קוק ארויס צו די סטאביליטעט עס וועט ברענגען צו אונזער געמיינדע."

**סטעיט סענאטאר Jessica Ramos (דשעסיקא ראמאס) האט געזאגט,** "אין קווינס, פארשטיין אונז אז שטיצענדע וואוינונג איז א לעבענסליניע. עס איז וויאזוי אונז געבן זיך אפ מיט אונזער שכנים וועלכע דארפן סטאביליטעט, דערבארעמדיגקייט און א גלייכע געלעגענהייט צו ווידער אויפבויען זייער לעבן. The Morgan טוט פארזעצן די שטאלצע טראדיציע. דיך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן אינוועסטירן אין ריכטיגע זיכערהייט פאר קווינס און פארברייטערן די גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס ניו יארקער פארדינען שוין לאנג. ווען אונז רעדן איבער באהאנדלען גייסטישע געזונטהייט, דארפן אונז זיך פארפליכטן צו די גאנצע בילד. דעס איז וואוינונג, ווירדען און די האליסטישע שטיצע וועלכע טוט ריכטיג פארשטערקערן מענטשן צו ערהוילען און בליען."

**סטעיט סענאטאר Patricia Fahy (פאטריציא פאיה) האט געזאגט,** "אינוועסטירונגען אין צוגענגליכע וואוינונג און הילף פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט איז געדארפט יעצט מער ווי ווען אימער. צושטעלענדיג פאר ניו יארקער די געלעגענהייט צו לעבן זעלבסטשטענדיגע ערפילטע לעבענס מיט צוגענגליכע וואוינונג ווייזט וואו אונזער פריאריטעטן ליגן, און דעס איז מיט די מענטשהייט. ‘ The Morgan’ וועט נישט נאר ערזעצן א ליידיגע פראפערטי, עס וועט שאפן א געמיינדע וועלכע ערלויבט ניו יארקער וולעכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט צו וואוינען זיכערערהייט מיט צוטריט צו די סערוויסעס זיי דארפן. א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר נאכאנאנדע שטיצע פון גייסטישע העלטקעיר און אינוועסיטרונג אין ספעציאליזירטע וואוינונג איבער ניו יארק."

**אסעמבלימעמבער Angelo Santabarbara (אנדשעלא סאנטאבארבארא) האט געזאגט,** "שטיצענדע וואוינונג העלפט אינדיווידואלן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט בויען סטאביליטעט און זעלבסטשטענדיגקייט. פראיעקטן ווי ‘The Morgan’ זענען מער ווי נייע געביידעס - זיי שטעלן פאר האפענונג און געלעגענהייט פאר מענטשן וועלכע פארדינען די גלעגענהייט צו בליען אין זייער געמיינדעס. דורך פארברייטערן צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע און שטיצענדע וואינונג, אונז פארבעסערן אונזער גייסטישע געזונטהייט סיסטעם און בויען א שטערקער נעץ פון שטיצע פאר די וועלכע דארפן עס."

**אסעמבלימעמבער Clyde Vanel (קלייד וואנעל) האט געזאגט,** "וואוינונג וועלכע איז סיי צוגענגליך און האט גרינגע צוטריט איז וויכטיג פאר די וואויל-זיין פון אונזער געמיינדע. עס איז גאר וויכטיג אז אונז געבן זיך אפ מיט אלע ניו יארקער און שטעלן זיי צו מיט די הילף זיי דארפן. איך וויל דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו גייסטישע געזונטהייט און שטיצענדע וואוינונגען."

OMH האט אויך שטארק אויסגעברייטעט ספעציאליזירטע האוזינג, אריינגערעכנט 1,276 נייע יוניטס פארבינדן מיט גאווערנער Hochul's (האקול'ס) גייסטישע געזונט איניציאטיוו, מיט נאך 2,224 האוזינג איינהייטן וואס ווערן אנטוויקלט. די איינהייטן וואס ווערן אנטוויקלט נעמט אריין קאמיוניטי רעזידענס-איין צימער יוניטיס, 750 שטיצענדע האוזינג-איין צימער וואוינונג יוניטיס און 900 קורץ טערמיניגע איבערגאנג רעזידענשל יוניטיס -אלע געאייגנט צו העלפן ניו יארקער וואס האבן גייסטישע קרענק צו וואוינען זיכערעהייט אין זייער קאמיוניטי.

###

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן